פרייז 25 גראָשען XI-ער יאָהרגאַנג „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" Radomer-Kielcer Leben" 34 (424) הײַנט 10 זייטען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 26 Sierpnia 1932 r.

ראַדאָם, פרייטאָג כ"ד מנחם אָב תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

**אַנאָנסען - פּרײַז:**

אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען

8 שפּאַלטען

אין טעקסט 4 "

## התראה.

דערמיט בין איך מתרה און וואָהרען יענע אַלע בעלי-חובות, וואָס זענען שולדיג אויף וועקסלען מיין פערשטאָרבענעם פאָטער משה צוקער ז"ל אז זיי זאָלען נישט רעגולירען און נישט בעצאָהלען קיין שום וועקסעל-חוב די אַנדערע יורשים מחמת איך אַלס פולבערעכטיגטער יורש בין מיט זיי אין אַ קאָנפליקט, וואָס שייך די איבערגעבליבענע ירושה פון מיין פאָטער.

איך בעט און וואָהרען נישט צו צאָהלען אָהן מיין וויסען און אָהן מיין הסכמה.

**שרה שיינדעל ווייסבאָרט**
**פון הויז צוקער זשיטניאַ 1**
די טאָכטער און יורש פון משה צוקער

Kierownictwo Szkoły niniejszem podaje do wiadomosci, iż z dn. 30 sierpnia b r. rozpoczynają się zapisy kandydatów do

**SZKOŁY DOKSZT. ZAWOD**
GM. WYZN. ŻYD w RADOMIU

i trwać będą do 1-go września, włącznie

Kancelarja Szkoły przyjmuje zapisy uczni codziennie od godz. 7-ej do 9-ej wiecz. w lokalu Szkoły Powsz. im. Joselewicza (ul. Tybla Nr 1 dawniej Nowa.)

**UWAGA. Nauka bezpłatna**

*KIEROWNICTWO.*

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט, דאָס פון **30** סערפּיען ה. י. האָבען זיך אָנגעהויבען די איינשרייבונגען פון קאַנדידאַטען

**אויף די דערגענצונג'ס פאַך-קורסען**
**בײַ דער יודישער גמינע אין ראַדאָם.**

די איינשרייבונגען וועלען געדויערען ביז'ן 1-טען וורעשיען ה. י. אין די שעה'ן פון 7 — 9 אָוועגד

די קאַנדידאַטען דאַרפען זיך מעלדען אין לאָקאַל פון דער פאָווסעכנע שולע א. נ. יאָסעלעוויטש טיבלאָ גאַס 1 (פריהער נאָוואַ)

**די לייטונג פון די פאַך-קורסען**
ביי דער יודישער קהלה אין ראַדאָם

Gimnazjum Koedukacyjne T-wa

**PRZYJACIÓŁ WIEDZY** w Radomiu

**(z prawami gimnazjów państwowych)**

Dyrekcja gimnazjum zawiadamia, że **egzaminy wstępne** do **klas** od **wstępnej** do **siódmej** odbędą się **dn. 29 sierpnia b. r.** (początek o godz 9-ej)

Informacje i zapisy w kancelarji gimnazjum **(Kilińskiego 13)** codziennie od godz. 10-ej—14-ej.

*Dyrekcja.*

**אויף ראַדאָם קיעלץ און זייער אומגעגענד**

דעם אויסשליסליכען אַליינפערקויף פון

**טיי, קאַווע און קאַקאַאָ**

אין $^{2}|_{1}$, $^{4}|_{1}$ קילאָווע בלעכענע פאַקונג אויף ראַטעס וויל איבערגעבען די פירמע.

„STAWAN-TEA" Warszawa Orła 12

Podaje się niniejszem do wiadomości,

**ŻE Z DNIEM 1 WRZEŚNIA B. R.**

rozpoczną się zajęcia w PRZEDSZKOLU

**E. FINKLERÓWNY**

*przy ulicy Rwańskiej 13 (1-e piętro)*

**Zapisy odbywają się codziennie od 5-7 p. p.**

**אוראַלאַגישער-אַנשטאַלט**

— פון — ד"ר מעד. **באַגומיל ענדעלמאַן**

וואַרשאַ, זיעלנאַ 35, טעל. 30—254

**נירן, פענכער-און געשלעכטס-קאַנאַל-קראַנקהייטן**

נייעסטע איינאָרדנונג, קאָמפאָרט איינגעאָרדנעטע איינצעל און אַלגעמיינע צימערן

פרײַזען צוגענגליכע

**KSIĘGI HANDLOWE**

**prawidłowe i uproszczone**

ulg. najnowszych przepisów podatkowych. i wymogów Urzędu Skarbowego

**za minimalną opłatą miesięczną**

PROWADZI: dział buchalterji

Biura „UNITAS" Radom Żeromskiego 34

# אימפארט פון ארץ-ישראל קיין פוילען

די מעגליכקייט פון אימפארט פון ארץ-ישראל קיין פוילען פערגרעסערט זיך וואס אמאהל מעהר. עס קומען אלץ צו אין ארץ-ישראל נייע עקספארט-פעהיגע ארטיקלען, וועלכע קענען דא געפינען א גרויסען אבזאץ-מארק. עס איז אבער נויטיג די זאך געהעריג צו ארגאניזירען און אוועקשטעלען אויף פעסטע יסודות.

אין שיכות דערמיט ווערט לויט דער איניציאטיוו פון קאאפעראטיוו „תוצרת הארץ", אין פערשטענדיגונג מיט א רייהע געזעלשאפטליכע עסקנים. ארגאניזירט א איינקויפס-קאאפעראטיוו אין וועלכען עס זאלען זיך פערייניגען די אלע, וואס האבען א אינטערעס פאר אימפארט פון ארץ-ישראל.

דער דאזיגער איינקויפ'ס קאאפעראטיוו האט פאלגענדע אויפגאבען.

1) שטיין אין כסדרדיגען דירעקטען קאנטאקט מיט די פראדוצענטען אין ארץ-ישראל.

2) איינקויפען אויף אמאהל גרעסערע סכומים סחורה.

3) אויסווירקען די ביליגסטע פרייזען פון בעסטע בעדינגונגען פאר דער אימפארטירטער סחורה.

4) קאנטראלירען און פעסטשטעלען די עפערקויפ'ס-פרייזען אויפ'ן היגען מארק כדי ווי ווייט מעגליך צו ווירקען אויף דער פערביליגערונג פון די ארץ-ישראל פראדוקטען און אויף דער פערשטארקונג פון זייער קאנקורענץ-פעהיגקייט.

די דאזיגע איניציאטיוו האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג אין די געזעלשאפטליכע און סוחרישע קרייזען. א דאנק דעם וועט איצט יעדער איינציגער סוחר און קרעמער זיך קענען פערזארגען, דורך דער פערמיטלונג פון איינקויפס-קאאפעראטיוו, אפילו מיט'ן קלענסטען קוואנטום דירקעט פון ארץ-ישראל. די סחורה וועט איהם דורכדעם קאסטען פיל ביליגער. ווייל עס וועלען איינגעשפארט ווערען איבריגע פערמיטלער-הוצאות. ווי אויך ווייל די טראנספארט-קאסטען וועלען בעדייטענד פערקלענערט ווערען.

גענויע אינפארמאציעס וועגען דעם ענין פאר די אלע, וועלכע האבען א אינטערעס ערטיילט דער קאאפעראטיוו „תוצרת הארץ", ווארשא, לעשנא 4 וו. 6

w lecie
pasta do obuwia
Erdal
we wszystkich kolorach

# ווי אזוי א ראדאמער יוד פייפט אן זיינע שונאים

## טראגיש-קאמישע געשיכטע פון א ראדאמער פאבריקאנט

א זעהר טשעקאווע טראגי-קאמישע געשיכטע האט די וואך פאסירט אין ראדאם, וועלכע איז כדאי, אז זי זאל דערצעהלט ווערען.

אויף איינע פון די ראדאמער גאסען וואוינט א יורישער פאבריקאנט (צוליב פערשטענדליכע טעמים שרייבען מיר נישט ארויס קיין נאמען.) וועלכער איז אגב שטארק בעקאנט דער היגער יודישער בעפעלקערונג. די טעג קומען ארויף צו איהם איינינע „שטארקע" וועלכע האבען איהם ערקלערט פאלגענדעס: איהר זאלט וויסען פאניע איקס, אז ס'איז געווארען איין ענייגט הונדערט און פופציג זל. וועלכע מיר בעקומען דאן, ווען מיר וועלען אייך גוט „אבמקלען" און איהר וועט מוזען ארויסגעהן אין גאס א פארבאנדאזשירטער.

דער פאבריקאנט האט געקלערט א פאר מיגוט און זאגט: איהר ווייסט וואסז אט האב איך א געניאלען פלאן איינגאנצען געהט דאך אייך נאר אין דעם, איהר זאלט מיר מקיים פסק זיין און דערפאר בעקימען די 150 זל. אלזא, האב איך אן עצה. ווי אזוי איהר זאלט מיר גארנישט טהון און, די 150 זל. יא בעקומען פון מיינע קאנקורענטען און איך וועל אייך נאך עפעס דערלייגען.

אט איז דער פלאן: איך וועל זיך פלוצלינג בעווייזען אין דער גאס מיט א פארבאנדאזשירטען קאפ, א לאמען פיס, צובלוטיגטע אברים א. א. וו. מיינע שונאים וועלען זיך פרעהען. איהר וועט פערדינען אייער געלד און, איך וועל אייך נאך דערלייגען אויך.

„חברה" האט אויסגעהערט דעם פלאן און איז דערויף בעשטאנען און אט היינטיגע וואך אין א געוויסען פארנאכט, בעת דער נייער נארטען איז געווען פול מיט שפאצירענדע. בעווייזט זיך פלוצלינג אונזער פאבריקאנט, מיט א פארבאנדאזשירטען קאפ, קונציג צובלוטיגטע נאז, א לאמען פיס, און בכלל אין א הילוך, ווי ער וואלט נאר וואס ארויס פון א באקס-קאמף.

זיין בעווייזען זיך האט ארויסגערופען א גרויסע סענסאציע צווישען די שפאצירענדע, בפרט צווישען די סוחרים, וועמען ער איז גוט בעקאנט. די שונאים זיינע זענען געווען זיכער אז ער האט בעקומען דעם „פסק" און דאס געלד אויסגעצאהלט,

צומארגענט האט אונזער פאבריקאנט טריומפירט, ווי אזוי ער האט דאס זיינע שונאים אריינגענארט אין זאק אריין, ער איז געבליבען גאנץ און זיי האט געקאסט געלד, און אנשטאט, וואס זיי האבען זיך מיט איהם געוואלט אברעכנען, האט ער זיך מיט זיי אפגערעכענט אויף אזא אריגינעלען אופן.

# צוזאמענפליה פון ברית-טרומפעלדאר

## אין ראדאם

אין צוזאמענהאנג מיט'ן 15-יעהריגען יובילעאום פון יודישען לעגיאן אין ארץ-ישראל איז אין ראדאם צוגלייך מיט אנדערע שטעדט פארגעקומען א צוזאמענפליה פון ברית טרומפעלדאר פון ארומיגען קרייז.

דער צוזאמענפליה האט איינגעארדענט זיין לאגער אויפ'ן פלאץ און אין פאבריק'ס-געביידעס פון ה' אלי' טענענבוים.

ס'איז געשאפען געווארען א פאטראנאט אין וועלכען ס'זענען אריין די ה"ה איתמר אולער. פראפ. אלחנן שיצער פרוי צמח, א. מערין, מ. לוקסענבערג א. א.

זונטאג, אין ערשטען טאג פון צוזאמענפליה, איז אויפ'ן פלאץ פון ה' טעטענבוים (מילא גאס) פארגעקומען די ערעפנונג, אויף וועלכער עס האט געהאלטען די ערשטע בעגריסונג'ס-רעדע אין נאמען פון פאטראנאט פראפ, אלחנן שיצער. דערנאך איז פארגעקומען אויפ'ן פלאץ א דעפילארע פון אלע אנטייל נעמער מיט זייערע פעהנער.

מאנטאג אין דער פריה איז פארגעקומען א הזכרה אין שוהל נאך די געפאלענע יודישע לעגיאנען אין א"י. גערעדט האבען די ה"ה א. שיצער און דער מפקיד חקן י. מאיערפעלר פון קאנסק.

נאך דער הזכרה איז איינגעארדענט געווארען א צוג, וועלכער האט מארשירט איבער די ראדאמער גאסען אונטער די קלאנגען פון ראדאמער טרומפעלדאר-ארקעסטער. אויפ'ן פלאץ דריטער מאי האבען די טרומפעלדארטשיקעס געלעגט א קראנץ אויפ'ן קבר פון אונבעקאנטען זעלנער. אויפ'ן זעלבען פלאץ איז אויך פארגעקומען א דעפילאדע.

אין אווענד איז איינגעארדענט געווארען א אקאדעמיע אין איינער פון די פאבריק'ס-געביידעס פון ה' טענענבוים. געעפענט די אקאדעמיע האט ה' א. מערין. אין נאמען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע בעגריסט ר' משה לוקסענבורג וועלכער האלט א שעהנע און ווארימע רעדע; אין נאמען פון ברית הצהר בעגריסט י. מרגליות: פאר „וויזא" בעגריסט פרוי צמח; השומר הצעיר — ווייסמאן; קרן קימת — מ. באנקער; קרן תל-חי — קאדענטשיק. א שעהנעם רעפעראט האט געהאלטען פרל. בלומענזאהן פון קאנסק צום סוף האט געהאלטען א אינטערעסאנטע רעדע דער קצין נציבות ה' ישראל סאווע.

נאך די רעדעס און בעגריסונגען איז פארגעקומען א קאנצערט. דער ארקעסטער האט אויסגעפיהרט א גאנצע רייהע שעהנע מוזיקאלישע נומערען. ווי אויך העברעאישע לידער מיט אנ'אריינפיהר און פינאל פון פראפ. ש. גיסער.

דינסטאג אווענד איז פארגעקומען דער פרעהליכער שלוס פון צוזאמענפליה אויפ'ן פעלד איז אנגעצינדען געווארען א פייער און די יונגע, פרעהליכע טרומפעלדארצעס האבען טאנצענדיג און זינגענדיג דעם הוירא זיך געזעגענט מיט'ן גרויסען פערזאמעלטען עולם פון שטאדט.

ליידען און מוטשען זיך?

ס אין ווירקליך א גרויסע פראגע. די זעלבע קשיא פרעגט זיך די דאזיגע אומגליקליכע מאכמער שוין 6 יאהר און קיין ענטפער בין היינט נישט בעקומען.

אבער וואס העלפען קשיות? דער סוף איז געווען, אז נאך די גרויסע מ״ה און מאטער וואס דער יונגערמאן האט געהאט אויסצושטעהן בין ער האט ארויס-בעקומען דעם אפטייקער ״דיפלאם״, האט ער געמוזט מיט דער פרוי און קינדער קומען קיין ראדאם. און דא הויבט זיך אן א פריש קאפיטעל, א קאפיטעל פון נייע צרות און נסיונות, וואס זענען ממש הימעלשרייענד און שטוינענד אז נישט צום גלויבען.

דאס איצטיגע נייע קאפיטעל הייסט „מעביר נחלה". יעצט געהט א פרישער קאמף, וואס דריקט זיך אויס אין דעם וואס מען וויל זיי מעביר נחלה זיין און אינגאנצען כמעט סדחה זיין פון דער רייכער געבליבענער ירושה נאך ר׳ משה צוקער ז״ל.

אבער וועגען דעם אין קומענדיגען נומער.

2-3

# א גאנצע „מלחמה" איז געווען אין ראדאם

## מיט באמבעס, עראפלאנען, מאבילזאציע

## אבער שרעקט אייך נישט. דאס אלץ איז נישט געווען בהקיץ נאר בחלום.

אין ראדאם איז דא א גאס, הייסט זי גאלעמביאווסקא. וואהנט דארט איינער תענריק יאזשאנבעק. האט זיך דער דאזיגער יאזשאנבעק א נומעלט נעלעגט שלאפען ביינאכט און ער האט פלוצלינג דערהערט פליהען א עסקאדרע אעראפלאנען וואס באמבארדירען און בעשיסען זיין הויז. ער האט נישט בלויז געהערט, נאר טאקע געזעהן, אז דאס זענען ליפט-שיפן פון א פרעמדע פיינדליכע מלוכה. אויסער דעם איז צו איהם אריינגעקומען דער בריעף-טרעגער און איהם דערלאנגט א מאביליזאציע-קארטע.

יאזשאנבעק האט זיך אויפגעריסען פון בעט. איינגאנצען א בעגאסענער מיט שוויס, צוהאלטענדיג מיט דער האנד דאס קלאפעדיג הארץ, איז ער געלאפען איבער׳ן שטיב. פלוצלינג האט ער דערהערט ווי עמיצער קלאפט אין טהיר און דערנאך א ווילד קול, וואס רופט איהם ער זאל ארויסגעהן אין פאדער-הויז „אויב ער איז שטארק"

לויט׳ן הייזעריגען קול האט ער דערקענט, אז דאס איז א בעאמטער אין פ. ק. או.

טע און פאר׳ן בעאמטען פון פ. ק. או. האט ער געמאכט אזא געוואלד, אז ער האט געשטעלט אלע לאקאטארען פון יענעם הויף אויף די פיס.

ערשט דאן איז יאזשענביק געווארען „פשיטאמני" און דערצעהלט פאר די שכנים, אז ער איז געשלאפען און אז דאס אלץ, די באמבעס מיט די ארעפלאנען און די מאביליזאציע-קארטע האט ער געזעהען אין חלום.

דערווייל האבען די שכנים געהאט א וואך-נאכט און פון א חלום-מאביליזאציע זענען זיי אויף דער וואהר מאביליזירט געווארען און ארויסגעשפרינגען פון די בעטען.

# סטאניעווסקי-צירק אין ראדאם

דער פאפולערער און בעריהמטער סטאניעווסקי-צירק ווײלט היינט אין ראדאם.

דער צירק איז איינער פון די בעסטע אין פוילען. ער פיהרט מיט זיך א רייכע מענאזשעריע פון די פערשידענסטע חיות פון וועלכע א גרויסער טייל איז אויסדרעסירט אויף א וואונדערליכען אופן.

אויך דער ארטיסטישער טייל איז א גלענצענדער. אין אנסאמבל קען מען טרעפען טיפען פון פערשידענע ראסען און פעלקער. דער צירק האט א אייגענע ראדיא-סטאציע און זיין געבוי שטעלט מיט זיך פאר א קאלאס.

מיט יעדען מאל ווערט דער צירק מעהר בעריייכערט מיט פיעל אריגינעלע אטראקציעס און סיורפריזען.

נעכטען דאנערשטאג איז פארגעקומען די ערעפנונג, וועלכע איז אויסגעפאלען זעהר אימפאזאנט. דער צירק איז געווען פיעל געפאקט

עס לוינט זיך צו זעהען די צירק-פארשטעלונגען וועלכע רופען ארויס ביי יעדען ענטציקונג און בעוואונדערונג.

דער צירק וועט ווײלען אין ראדאם, ווי מען הערט, נאר אייניגע טעג.

Świeżą młodzieńczą cerę tylko przez niedościgniony
KREM HERBA
Krem „HERBA" jest już do nabycia od zł 0,90

Największy w Polsce
CZTEROMASZTOWY
CYRK
STANIEWSKICH
przybył do Radomia na 4 dni
w piątek 26 sierpnia
1 PRZEDSTAWIENIE o godz. 8.30 wiecz.
w sobotę 27 — sierpnia — w niedzielę 28
4 p.p. 8.30. w. 2 PRZEDSTAW. 4 p.p. 8.30. wiecz.
na przedstawienia --popołudniowe-- ceny miejsc minimalne
Wielki program atrakcyj egzotycznych

# דיפלאמו פונאנדערטיילונג ביים יוד. שניידער-צעך

## אין ראדאם.

אין יודישען שניידער-צעך לובלינער 30 איז דעם פאריגען מיטוואך פארגעקומען די פונאנדערטיילונג פון די ערשטע דיפלאמען פון שניידער פאר די ערשטע 22 פערזאן.

די פינאנדערטיילונג פון די דיפלאמען איז פארגעקומען אינטער דער פארזיץ פון סטארשי ה׳ משה רובינשטיין אין דער אנוועזנהייט פון פרעזירענט פון קעלצער האנדווערקער-קאמער ה׳ באלצער. ה׳ באלצער האט זעלבסט פונאנדערגעטיילט און דערביי געהאלטען א לענגערע רעדע אנווייזענדיג די גרויסע בעדייטונג פון די דיפלאמען פאר די האנדווערקער. ער האט דערביי פערזיכערט, אז ער וועט אלעס אנווענדען כדי צו פערבעסערען דעם מצב פון די שניידער און בעקעמפען די אומלעגאלע ווארשטאטען און אויך בעקעמפען פיעל מאגאזינען וועלכע חעלען זיך ערלויבען אנצונעמען בעשטעלונגען און פערקאנקורירען די דיפלאמירטע מייסטערס.

נאך פערשידענע פראגען, וואס די אנוועזענדע האבען געשטעלט דעם פרעזידענט, אויף וועלכער ער האט געגעבען ווי געהעריג, ווערט בעשלאסען צו צוטרעטען צו דער ארבייט און אויפהויבען דעם פרעסטיזש פון שניידער-צעך, אוועקשטעלענדיג איהם אויף דער געהעריגער הויך.

די פייערליכע דיפלאם-פונאנדערטיילונג ווערט פערענדיגט ביי א גלעזעל משקה און ביי א געהויבענע שטימונג שליסט דער פארזיצענדער די פערזאמלונג.

דער סעקרעטאריאט פון שניידער-צעך איז טעטיג טעגליך פון 7—9 אווענד.

2—5

# אין האנצערט פון שמעון באקמאן.

און די נאהנסטע טעג וועט דאס יודישע ראדאם אויפנעהמען זיין גענ׳אלען בן-עיר דעם יונגען פידעל-ווירטואז שמעון באקמאן.

דער יונגער וויאלין-מייסטער וואס האט זיך שוין ערווארבען א וועלט-נאמען קומט יעצט אין זיין געבורטס שטאדט א דערמוטיגטער מיט די גרויסע ערפאלגען אלס סאליסט פון דער ציריכער פילהארמאניע. לאאורעאט (ערשטער דיפלאם) פון אינטערנאציאנאלען פידעל קאנקורס אין וויען, און צאהלרייכע אויפטריטען אין שווייצארישען און פוילישען ראדיא וואס האבען איהם געבראכט פרישען רוהם און בעוואונדערונג אין לאנד און אויסלאנד.

פאר זיין אבפאהר נאך אויסלאנד וועט א דאנק דער בעמיהונג פון קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פארקומען אין איינעם פון די גרעסטע זאהלען א קאנצערט וועמענס ריינע הכנסה איז בעשטימט לטובת די אונפערמעגליכע עולים קיין א״י.

# דער העכסטער סארט פאר דעם נידריגסטען פרייז

דאָס איז דער פרינציפ פון דער פראָדוקציע פון פערפומירטען זייף
מיט די „יאשטשורקע".




לייגט אכט אויף דעם פאבריקס צייכען „יאשטשורקע"
ווייל דער זייף איז אַ פּולוועֶרטיגער און א ביליגער






Optyk Dyplomowany

## Z. WĘGIER

Absolwent Wyższej Szkoły Optycznej w Jenie

RADOM ul Żeromskiego 25

POLECA

Okulary i binokle

**ZEISS PUNKTAL**

Wykonanie recept ściśle według przepisów P.P. Lekarzy

**Obsługa ściśle fachowa**

**Ceny b. przystępne**

## OGŁOSZENIE

Magistrat miasta Radomia, Gazownia Miejska podaje do wiadomości, osobom zainteresowanym, że od dnia **20 Lipca 1932 r.** aż do odwołania będą

PRZEPROWADZANE

# BEZPŁATNIE

## INSTALACJE GAZOWE

**DLA UŻYTKU GOSPODARSTWA DOMOWEGO**

na warunkach jak niżej:

Instalacja zostanie wykonana całkowicie na rachunek Gazowni Miejskiej i stanowić będzie bezspornie własność Gazowni Miejskiej.

Wzamian za co odbiorca gazu zobowiązuje się do następującego ekwiwalentu na rzecz Gazowni Miejskiej.

1) wpłacenia do Kasy Gazowni Miejskiej. tytułem kaucji w dniu podpisania zobowiązania Złotych 25.
2) za 1 $m^3$ gazu świetlnego kasa Gazowni pobierać będzie opłaty w g taryfy ustalanej przez Magistrat m. Radomia plus 20 % na amortyzację instalacji: Wspomnianie opłaty uiszczane będą na podstawie każdorazowego rachunku Gazowni Miejskiej, wystawionego p g gazomierża (zużycia). jaki będzie umieszczony w lokalu
3) oprócz opłaty za gaz odbiorca obowiązuje się regulować należności za dzierżawę gazomierza w g cen ustalonych przez Magistrat m. Radomia oraz remontu.

Bliższe informacje udzielane są w przedstawicielstwie **„FORDA"** w Radomiu przy ul. Żeromskiego Nr. 21, codziennie od godziny 11 do 13-ej i od 17-ej do 19-ej.

# אכטונג עלטערען!

אין צוזאמענהאַנג מיט'ן נייעם שול-יאָהר האָט די פערוואלטונג פון דער „שול-קולט" שולע דעם כבוד בעקאנט צו מאכען, אַז עס ווערט דאָס יאָהר געעפענט

## א 6-טע קלאס ווי אויך א צוגרייטונג'ס-קלאַס
### פאר אינגלעך און מיידלעך

צו דעם צוועק איז דער שול-בנין פערגרעסערט געוואָרען דורך צודינגען א לאָקאַל אויף זשעראָמסקי 30.

**די 7 קל. „שול-קולט" שולע** (מיט גימנאזיע-פּראָגראם) האָט אין פערלויף פון עטליכע יאָהר פון איהר עקזיסטענץ בעוויזען צו געפינען די גרעסטע אנערקענונג ביי די עלטערען פון אונזער שטאָדט.

**די שול-מאכט** האָט נאָך עטליכע וויזיטאַציעס אין דער שולע אויסגעדריקט איהר גרעסטע אנערקענונג פאר די גלענצענדע דערגרייכונגען אין אנוועזענהייט פון מיטגלידער פון עלטערען-קאָמיטעט (ה"ה: איתמר גאָרפינקעל, יחיאל גרינבערג, יצחק גרין, ישעיה אייגער, שלמה קעשענסקי און אנדערע.)

**יודישע עלטערען!** אויב איהר ווילט, אז אייערע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אין גייסט פון אכטונג און ליבע צו דער יודישער געשיכטע און צו די אורקוועלען פון דער יודישער קולטור, צו דער העברעאישער און יודישער שפראך און צום אידיגען אויפבוי-ווערק און גלייכצייטיג דערמעגליכען זיי דורכצומאכען וועלטליכע לימודים לויט'ן גימנאזיע-פּראָגראם

**שטיצט** די בעמיהונגען פון דער „שול-קולט" שולע
און **פערשרייבט** מיט'ן פולען צוטרוי אייער קינד.

**איינשרייבונגען** און עקזאַמענס קומען פאָר פון 23-טן שערפיען אין דער שול-קאנצעלאריע וויטאָלדא 7 אָדער זשעראָמסקי 30 פון 10 ביז 2.

מיט אכטונג
פערוואלטונג פון דער **שול-קולט** שולע.




דער שליסעל צום ערפאלג
איז אַנאָנסען אין „ראדאָמער לעבען"